# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Ofgang afn Dnyeper

**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**

**Mosḳṿe, 1937**

15


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240**



Visual Library

## 15

ס'זענען שטיבעלעך ווי טעפּ אויס,
אויסגעלײדיקט ביז צום דנאָ.
אפּ די דניעפּערישע סטעפּעס
איז ארומגעגאנגען מאכנאָ!

זיסער טשאד און זיסער נעפּל
פון טאטשאנקעס און פון יאָג.
האָט מען אָפּגעלעבט א לעבן,
האָט מען אָפּגעלעבט א טאָג!

אָטעמט סטעפּ מיט הויך פון יאָרן,
יעדער שטוב עפּעס דערמאנט:
דאָ האָט וואסקע זשוק געשוואָרן
זײַן מאכנאָן אן אטאמאן.

קלאָר אזוי און פראָסט די זאַך איז
וואסקע זשוקן דאן געווען —
דרײַ נאגאנען, צוויי פּאַפּאַכעס,
איין פּאָר הויזן גאליפע.

פערדלעך צוויי אף שמאלץ געבראָטן,
א טאטשאנקע און — וואָס נאָך?
גאָט אין הימל איז א פאָטער
און דער באטקאָ — איז מאכנאָ.

שפּארט זיך ברייט פאר אים אליין אוף
ווי א טויער, ווי א טיר, —
איצטער האקט ער פעלדזן־שטיינער
אפן פעלדז — דעם „באָגאטיר".

קלינגען אים אין קאָפּ נאָך שפּאָרן
און פארגייען אין דער ווײַט:
ס'האָבן אָפּגעסמאליעט יאָרן,
ס'האָט זיך אָפּגעגליט א צײַט.

נ'אז ס'איז אומעטיק, איז לאָז זשע,
לאָז זשע וויסן גאָרע ערד —
פון אָדעס ביז זאפּאָראָזשיע
אף טאטשאנקעס און אף פערד.

נ'אז דער אומעט ווי א פלאסטער
לייגט זיך צו צום הארץ און פרעסט,

ז'פונ גולײַפּאָליע ביז פּאסטאָוו
אונ פונ פּאסטאָוו ביז אָדעס!

קלינגענ אימ אינ קאָפּ נאָכ שפּאָרנ
אונ פאַרגייענ אינ דער ווײַט;
ס'האָבנ אָפּגעסמאליעט יאָרנ,
ס'האָט זיכ אָפּגעגליט א צײַט.

אונטערוועגס אונ אפּ וואָקזאלנ
אונ גאלאָפּ — פונ גאס צו גאס;
דורכ די פענצטער א באפּאל אָנ,
דורכ צעזעצטער שויב — א גאסט:

— אוי, דו טײַערינקע, הער נאָר,
אוי, דו טײַערינקע, ווארט —
נא דיר, נא דיר א גובערניע,
נא דיר, נא דיר א לאָמבארד! —

פרײלעכ אפּנ פערד געריטנ,
האָט א היטל אויסגעפּעלט,
איז ארײַנגאנ צו א יידנ
אונ דערלאנגט אימ א באפעל

אונ געטאָנ צו אימ א פלאקער:
— ביז פארנאכט, אניט — דעמ קאָפּ!
ט'האָסטו פוטער אונ קאראקול. —
א געשריי געטאָנ אונ — אָפּ!

און דאָס קירזשנערל ט׳געציטערט, —
אי געציטערט אי געשוויצט;
— מ׳דארף א מאָס... זאָל גאָט באהיטנ... —
און די נאָדל בלאנקט און בליצט.

און די מאָס האָט ער געמאָסטנ
אפ זײַנ אויסגעדארטנ קאָפּ:
— קייסער — קאָזער! קאָפּ, וואָס קאָסטו,
אויב דו פּליסט אזוי אראָפּ?! —

אויסגעשאָסנ — פײַל פונ בויגנ,
דאָ — א נישטער, דאָ — א טאפּ;
איז זיכ וואסקע זשוק געפֿלויגנ
פונעמ קירזשנער צו דעמ שטאב.

און דאָס פערד געוועג געטרײַ איז
און פארשטאנענ אפנ קוק,
און ווארענעקעס — דאָס כּײַעס
ליב געהאט האָט וואסקע זשוק.

אינ א פענצטער זיכ צעגאָסנ
און דעמ קאָפּ געטאָנ א רוק:
— היי, ווארענעקעס זשידאָווסקע
קאָכט דאָרט אָפּ פאר וואסקע זשוק! —

און א צווייטנ אויסגעזעצט דאָרט,
אויסגעמייקעט און — פארבײַ.

זיס א נאכט זיכ אָפּגעהעצקעט,
אונ אפ מאָרגנ גייט א בייַט:

מאנטלענ פּאָקענע אונ שטרייַמלענ,
דאמענ־וועש — פונ מיר צו דיר. —
...איצטער גייט דאָ א פארזאמלונג
אפנ פעלדז דעמ „באָגאטיר".

קעפּ צעשויבערטע זיכ שפּארנ,
לאפּטיעס, בערד. מע זיצט, מע שטייט;
ס׳וויסנ אלע: — אנ אוואריע
אינ דער דרויב־מאשינ, באמ שטיינ.

נייַע קומענ אלעמאָל אָנ,
ס׳זיצט לוקא דאָרט אויבנאָנ,
אונ מע ווייסט: אויב שטיינ ניט מאָלנ,
הייסט ניט האָבנ קיינ בעטאָנ!

ס׳לויפט פונ מויל צו מויל: — אוואריע,
אונ געזיכטנ זעט מענ קאמ.
נאָר ווי פונ א גראָווער כמארע
גיט א רודער זיכ לוקא.

גיט א רודער מיט דער פּלייצע,
גיט א הייב אפ זיכ דעמ טאָג:
— נו, צומ בייַשפּיל, ווי ס׳פארשטייט זיכ,
עפּעס מוז מענ נעמענ טאָנ! —

ס'ליגט דער דניעפּער אזא בלויער,
ס'דוכט: דאָס שטראָמען ער פארהאלט;
ס'ווייסן אלע, אז די בויונג
א פארוואונדעטע דאָרט פאלט.

קלאנג פון גלעקל א צעפליס זיך
איבער רויך און שטויב געדיכט;
און מע מוז אפ שנעל באשליסן
און באוואָרענען אפגיך!

ווינט פון דניעפּ גיט א פארקעם דאָרט
פלייצעס, רוקנס, בערד — באנאנד;
און אין דר'חייך — עלקאָנעס געמבע,
און אין דר'הייך — עלקאָנעס האנט!

קאָפּ צו קאָפּ, ווי בלאט צו בלאט דאָרט
פון א דעמב אזא, געוועדט,
און עלקאָנע: א בריגאדע —
דרויבן שטיינער מיט די הענט!

דאכט זיך, ס'לויפט דער דניעפּער וואָרנען,
ס'דוכט — קיין איינציק זעמדל רוט;
און טרובא: — די ארבעט טאָר ניט
בלייבן שטיין אפ קיין מינוט! —

ס'טראָגט זיין קאָל פון פלאץ צו פלאץ זיך,
זיינע פיס מע זעט ניט אָן, —

אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן
טראָגן זיי זיך פון פאַרטאָג.

ס'יאָגט מיט אויג נאָך אווראָם־הערש אים
און מיט אָטעם ווילד און הייס,
און צו זײַן בריגאַדע: — הערט זשע!
און צו כעוורע זײַנער: — ווייס!

אים פאַרבלענדט דער ראַש, ווי בליצן,
שרײַט ער אויך אין דעם געלאָפּ:
— ס'איז אַ ראָד אַרויס, אַקיצער!
באַלעגאָלעס, נו — אַ סאָפּ! —

נ'זאָל רעדט צו זײַנע שטיוול,
טײַטשט זיי אײַן מיט פרישן טראָן:
— ס'איז ניט יענע וועלט, ניט די וועלט,
ווי איר קוקט מיך, ייִדן, אָן! —

און דער קירזשנער קוקט צום אוילעם
מיטן אויער: — וואָס און ווען...
און עס קײַקלט זיך פון מויל אים:
— דרויבן שטיינער מיט די הענט! —

בלויז דער ייִד פון מעליטאָפּאָל —
אָנגעבויגן — בײַ דער טיר.
ווערטער ווי געדיכטע טראָפּן
טראָגן אום זיך: — „באַגאַטיר".

„באָגאטיר" — קרימט זשוק זיך נאָך דאָרט,
מאלעגיירעט — „באָגאטיר";
עפעס זיצט ער א צעקאָכטער,
רויכערט, שפּײַט דאָרט און צעשמירט.

א פארקרימטער און צעקראצטער
אלעמאָל דעם קאָפּ — א שפּאר:
— אלע יאָנטעוו עפעס פלאצט דאָ,
זאָל ער ארבעטן, טרובא! —

ס'קלעפּט זיך ארבעט ניט צו זשוקן,
עפעס טראכט ער נאָך אוןווארט;
שוין געשטיינערט האָט ער ברוקן
אפ פארוקן די געפאר.

און אָט דאָ איז שטויב און גראָשנס,
לאָמען, שטיינהעקער — נ'וואָס נאָך?
— אוי, ווי ביסטו, זאפּאראָזשיע,
טאטע-פּאָטערל — מאכנאָ? —

אָטעמט דניעפּ מיט הויך פון יאָרן,
יעדער זאמד עפעס דערמאנט, —
אָט־אָ דאָ האָט ער געשוואָרן
זײַן מאכנאָן — אן אטאמאן!